# ווי גוט איז אז מען פאלגט א מאמע

פון : דוב הכהן פעלדמאן

צו מיין פאמיליע

Digitized by Touro College Libraries
For Project Zikaron
www.zikaron.tourolib.org
2020

ירושלים

תשל״ז

בעזרת-השם-יתברך

# ווי גוט איז אז מען פאלגט א מאמע

א איבערבליק אויף מיין לעבנס וועג

פון: ד ו ב   ה כ ה ן   פ ע ל ד מ א ן

צו מיין חשובע פאמיליע

עיר הקודש ירושלים תובב"א
ה' תשל"ז

# א ר י י נ פ א ר

ווען א איד ווערט געבוירן און האדעוועט זיך ביי טאטע-מאמע, מוז ער געדענקען אז ער דארף זיי פאלגן און טאן וואס זיי הייסן, ווייל סוף-סוף פארשטייען זיי בעסער ווי א קינד, און אויב ער טהוט אזוי וועט ער אוודאי נישט חרטה-האבן און וועט אויך בוס מצליח זיין אין זיין לעבן און אין זיינע וועגן, און דאס האט די תורה געזאגט "כבד את אביך ואת אמך - למען יאריכון ימיך". אין מיין זומענדיגן באשרייבונג באטאן איך וועגן דעם, און דאס איז אויך די מטרה פון ארויסגעבן דעם ביכל. מיר האבן טאקע ב"ה מצליח געווען אין דעם געביט און אונזערע קינדער און קינדס-קינדער גייען ב"ה אין דעם וועג.

די הייליגע ספרים. שרייבן, אז יעדער מענש וואס קומט אויף דער וועלט נעמט ער מיט זיך מיט, א געוויסן פראגראם אין לעבן וואס ער דארף אויפטאהן אויף דער וועלט, און ווען דער מענש טהוט אין דעם זין, און זוכט זיין אויפגאבע, וועט ער זיכער געפונען זיין מטרה. געוויינליך דארף מען זוכה זיין אדורכצופירן דעם פראגראם און פיהלן וואס ער דארף אויפטאהן. און וועגן דעם וויל איך איבערהויפט באטאנען, אז ב"ה איך האב געפיהלט און געטאן און טהו אין דעם זין, און דאס נישט חלילה זיך גרויסהאלטן, נאר ווייל איך האלט אז יעדערער קען דאס געפונען. אוודאי איז אויך מיין פראגראם געווען צו לערנען תורה, און קיינער קען זיך נישט באפרייהען פון דעם, אבער לויט ווי איהר וועט לייענען וועט איהר זעהן די סיבה פארוואס איך האב דאס נישט, ליידער, געקענט דערגרייכן. אבער דאגעגען, מיין פראגראם צו טאהן פאר תורה און צדקה, האט מיר השי"ת מיטגעהאלפן אויפצוטאהן, און דאס וועט איהר זעהן אין דעם העפט.

יעדער מענש האט אוודאי פערשידענע צייטן און פארשידענע איבערלע־בונגען, אבער ווען יעדערער וויל זעהן און זיך פארטראכטן, וועט ער קענען זעהן ווי השי"ת גיט אכטונג און פירט מיט איהם נאר מיט חסדים. און דעריבער האב איך טאקע גענומען טראכטן איבער מיינע איבערלעבונגען, וואו איך האב שטענדיג געטראכט און טאקע געזעהן די חסדים פון השי"ת, און דעריבער האב איך אויך געפונען פארנויטיג אביסל וויכטיגע פונקטן אנצו־צוכיינען פאר מיינע קינדער און אייניקלאך, מען זאל זעהן אז ווען א איד נעמט זיך פאר צוהאלטן זיך ביי אידישקייט, העלפט איהם השי"ת און ער איז מצליח אין זיינע וועגן.

## ווי גוט איז אז מען פאלגט א מאמע

<u>זכרונות פון 10 יאהר אלט</u>

איך הויב אן מיין באשרייבונג פון די קינדער יאהרן וואס דאס איז א טייל פון דעם בוך.

מיין פאטער, ר' מנחם-מענדל ב"ר אברהם הכהן ע"ה און מיין מוטער חי-ה אסתר בת ר' יהושע טונקלראט ע"ה, האבן געוואוינט די ערשטע צייטן אין א שטעטל נעבן קאצק. זיי האבן באקומען א ירושה, וואו זיי מיט נאך צוויי אידן האבן אנגעפירט א פארמע (אין יענער צייט האט מען דאס גערופן א גיד) און האבן גוט פארדינט. די אידן אין די גאנצע שטעטל פלעגן געניסן פון זיי זייער פיהל, איבערהויפט פיש אויף שבת האט קיינער נישט געדארפט זארגן, איך געדענק אלע וואך פאר שבת איז די ערשטע זאך פלעגט דער טאטע ע"ה אוועקטראגן פיש פארן רבין. אזוי האט זיך געפירט א צייט און ס'איז געווען זייער גוט. אבער אין א צייט שפעטער, האט זיך דאס רעדל אדריי געטאן, דער פריץ איז געקומען און צו־גענומען ביי די אידן דעם גיד און דאס איבערגעגעבן צו גויים. פון

דאן אן איז די גאנצע גוטצקייט צו נישט געווארן. די פאמיליע איז געווארן זייער ארעם, מען האט נישט געהאט דעם טאג איבערצוקומען, מען האט נישט געהאט וואס צו עסן. מען האט ממש הונטערגעהונגערט. אין אזא שווערע לאגע איז, געוויינליך, פאר שכר-לימוד נישט געקומען אין בעטראכט. איך בין דאן געווען א אינגל פון א יאר 10, זיך ארומדרייהען אין די גאסן און נישט לערנען איז דאך אוודאי קיין פלאן נישט, אבער וואס קען מען טאן. מאכט זיך אמאל און איך האב געהערט פון מיינעם א חבר אז ער פארט אין ישיבה. אלס א אינגל האב איך איבערהויפט נישט פערשטאנען וואס מיינט עס א ישיבה און וואס הייסט ער פארט אין ישיבה. אויף מיין פראגע, ענטפערט מיר מיין חבר: אין ישיבה לערנט מען, מען באקומט עסן און שלאפן. ווי איך האב דערהערט די ווערטער, האב איך באשלאסן אז איך פאר צוזאמען מיט מיין חבר אין ישיבה. ווען איך האב פערגעלייגט מיינע עלטערן אז איך פאר אין ישיבה, האבן זיי נישט געהאט וואס צו ענטפערן און האבן מסכים געווען צו מיין פלאן. די לאגע אין שטוב איז געווען אזוי שווער, אז זיי האבן אפילו נישט געהאט וואס מיר מיט צוגעבן אויפן וועג. איך בין אוועק מיט מיין חבר אין ישיבה אין די שטעטל ליקאווע.

ווען איך בין אנגעקומען אין ישיבה, בין איך צוגעגאנגען צום ראש-ישיבה און זיך געמאלדן אז איך בין דא. פרעגט מיר דער ראש-ישיבה: וועגן וואס ביזטו געקומען אהער? און וואס קענסטו? אלס א קליינער אינגל האב איך איהם געענטפערט: איך קען עסן! זאגט מיר דער ראש ישיבה, עסן, גוט, מען גייט ארום אין שטעטל און מען זוכט בעלי-בתים וועלכע ווילן גיבן טעג

צו עסן – אזוי איז געווען איינגעפירט יענע יארן, אז די בעלי-בתים פלעגן געבן א טאג עסן פאר די תלמידים פון דער ישיבה וועלכע זענען געקומען פון דער פרעמד – חאטש איך האב נישט פארשטאנען וויאזוי מאכט מען אזא זאך, זיך ארומדרייהען אין שטעטל זוכן עסן, און באין-ברירה האב איך זיך גענומען ארומדרייהען אין שטעטל און זוכן א בעל-הבית וועלכער זאל מיר געבן א טאג עסן. צו וועמען איך האב זיך געווענדעט האט ער געזאגט אז ער איז גרייט מיר צוגעבן עסן נאר זונטאג. ווייל אויס אז זונטאג איז געבליבן עסן פון שבת, קען מען דאן אריינגעמען א בחורל צום עסן. די אנדערע טעג פון וואך איז געווען זייער שווער צובאקומען בעלי-בתים וועלכע זענען געווען גרייט צוגעבן א טאג עסן, אדער ווייל זיי זענען שוין געווען באזעצט פון אנדערע תלמידים אדער זיי האבן נישט געוואלט אדער נישט געקענט.

אזוי האב איך זיך ארומגעדרעהט יעדן טאג זוכן וואו צו עסן. איך דערמאן זיך א אינטערעסנטן סיפור, אין א געוויסן טאג ווען איך בין געגאנגען זוכן א בעל-בית וואו צו עסן, האב איך דערזעהן א קליין הייזקעלע, האב איך פארשטאנען אז דארטן וואוינען אידן. איך קום צו צו די טהיר פון האט די הייזקעלע האב איך דערזעהן א זייער שווערע בילד פאר מיינע אויגן, ס'זיצן אויסגעזעצט 8 קליינע קינדערלאך אויף דער ערד, אין מיטן שטעהט א שיסל מיט עסן מיט צוויי לעפל, יעדער קינד שרייט – איצט קומט מיר דעם לעפל צו עסן. ווי איך האב דערזעהן אזא בילד, האב איך זיך גלייך אויסגעדרעהט און בין געגאנגען ווייטער. ווי איך בין אוועק, קומט ארויס די פרוי, און פרעגט מיר וואס איך וויל? האב איך געענטפערט: ניין, ס'איז געווען א טעות!

זאגט צו מיר די פרוי: איך ווייס דו ווילסט עסן, נאר דו האסט געזעהן די שטוב, דעריבער גייסטו ווייטער. אזוי האט אויסגעזעהן די לאגע אין שטעטל.

איך האב זיך אזוי ארומגעדרעהט א שטיקל צייט, איך האב געזעהן אז דאס איז בכלל נישט קיין וועג און קיין תכלית, א טאג יא עסן א טאג נישט עסן, מען הונגערט צו צוביסלאך, האב איך באשלאסן צוזוכן אנדערע וועגן. איך האב זיך דערמאנט אז מיין ברודער ארבעט דאך אין א מיל, האב איך באשלאסן אויך צוגעהן צו איהם אזוואו ער ארבעט און דארטן ארבעטן, כדי צו האבן וואס צו עסן. אבער, דא האט זיך אנגעהויבן די פראגע ווי קומט מען צו צו איהם? און אמת׳ן געזאגט ווייס איך נישט ביז היינט ווי איך בין אהין אנגעקומען. ווי איך בין געקומען, האט מיר מיין ברודער צוגעהאלפן און איך האב זיך אנגעשלאסן אין דער ארבעט ביים דעם מילנער. אלס א קליינער אינגל האב איך געטאן אלץ, דער באלעבאס האט מיר געשיקט אויף אלע שליחותן, אין פאסט האפיס און אומעטום וואו ער האט געדארפט. פאר דעם האב איך באקומען עסן און א רובל א וואך. מיין געלט האב איך געקליבן ביים בעל-הבית פון דער מיל.

דא געפין איך פארנויטיג צוצולייגן אזייטיקן קאפיטל וועגן דעם באלעבאס פון דער מיל. דער בעל-הבית איז געווען אמאל א חסידישער איד, א ראדזינער חסיד, א זייער אנגעזעהנער

מענש, און זייער גוט פאַרדינט ביים פריץ פון דער געגענט. מאַכט זיך א מעשה, דער חסיד האט אנגעהויבן צושיקן זיינע קינדער אין די שולעס שטודירן, אזוי או די קינדער פון דעם פריץ האבן געלערנט און זיי זענען אויפגעהאדעוועט געווארן אזוי ווי דעם פריץ׳ס קינדער. איינמאל איז דער פריץ געפארן און געקויפט ספעציעלע שיינע קליידער פאר זיין פריצטע, איז דער איד אויך געגאנגען און געקויפט דאס זעלבע פאַר זיין פרוי. ווי דער פריץ האט דאס דערזעהן, אז דער איד שיקט די קינדער שטודירן אזו ווי זיינע קינדער און ער קויפט אויך די זעלבע קליידרנג ווי זיין פרוי, האט דאס איהם שטארק פערדראסן, און ער האט גלייך אנטזאגט דעם אידן פון זיין ארבעט. דא האט מען געזעהן אז מען טאג נישט טאן קעגן דעם רצון פון השי"ת. ער, דער איד האט אנגע-הויבן זוכן אנדערע פרנסות, און געעפנט די מיל, וואו איך האב געארבעט. אבער ליידער מיט די קינדער האט ער שוין נישט געקענט צוריקציהען, זיי זענען שוין אויסגעוואקסן אנדערש און זענען אוועק ווייט ווייט פון אידישקייט. איינער פון זיינע זיהן האט געמיינט אז ער האט שוין דערגרייכט צום העכסטן שטאפל, האט ער אנגעהויבן צוזוכן וועגן צו מאכן רעוואלאציע און ארונטערווארפן דעם רוסישן קיסר. ער איז צוגעגאנגען צום קלויסטער, און ווען די גוים׳ זענען ארויסגעגאנגען און אנגע-הויבן צו רעדן, האט ער זיי אויפגעפאדערט אז מען זאל מאכן א רעוואלוציע קעגן דעם קיסר. ווי די גוים האבן דאס דער-

הערס, דענען זיי גלייך ארויפגעפאלן אויף איהם און זיי האבן איהם דערהרג'ט. אויך דער צווייטער זוהן איז אוועקגעגאנגען אין שלעכטע וועגן און נישט גוט אבגעשפילט, און דאס איז געווען נאר דערפאר וואס זיי האבן געקראגן אזא חינוך.

ער דער בעל-הבית האט נאך ביי זיך געשפילט די גרויסע ראלע אלץ גביר, האטש ער איז שוין נישט געווען דער זעלבער ווי פריער. איינמאל, ווען דער גוי וועלכער האט געטריבן די פערד איז נישט געווען אין דער היים, און דער בעל-הבית האט געדארפט פארן דריגנענד האב איך געמוזט טרייבן די פערד, ווען דער וואגן איז אריין אין א זומפ און נישט געקענט פארן גיין, איז דער בעל-הבית ברדיגז געווארן אויף מיר און געגעבן א פאטש, אז איך בין ארונטערגעפאלן פון וואגן, און ס'איז געווען א נס מן השמים וואס איך בין צוריק ארויף אויפן וואגן, ווען נישט וואלט איך חלילה געדארפט בלייבן אין א געגנט פון נאר גוים און ווער ווייסט וואס ס'וואלט געווארן פון מיר.

איך בין ווייטער אנגעגאנגען מיט מיין ארבעט און פאר-דינט מיינע פאר גראשן. איינמאל גיי איך אין גאס, קומט צו צומיר א פרוי, איך קוק, זי זעהט דאך אויס ווי מיין מוטער. גיט זי אזאג: בערל! דו ביזט עס, איך בין געקומען צו דיר, מיר האבן זיך דערפריידט זיך צו טרעפן. שפעטער זאגט מיר מיין מוטער, דו האסט דאך אוודאי אנגעזאמעלט אביסל געלט, און אזוי ווי דיין ברודער איז אין א שווערע לאגע, זאל איך איר געבן

דאס געלט וואס איך האב אנגעקליבן. איך בין גלייך אריבערגע-
גאנגען צום דירעקטאר פון דער מיל און אים געפרעגט וויפל געלט
איך האב שוין אנגעקליבן? האט זיך באוויזן אז איך האב שוין 37
רובל. איך האב איהם געזאגט אז איך דארף דאס געלט פאר מיין
מוטער וואס ווארט אויף דעם. איך האב גענומען דאס געלט און
אוועקגעגעבן פאר מיין מוטער ע"ה און זי איז צוריק געפארן.
אזוי האב איך זיך ארומגעדרעהט די גאנצע צייט, ס'האט מיר זייער
ווי געטאהן וואס איך מוז זיין אזוי נע-ונד און נישט קענען
לערנען, אבער איך האב געדאנקט השי"ת און חלילה נישט מתרעם געווען.

ווען איך בין אלט געווארן 12 יאר האב איך באקומען
א ידיעה אז מיינע עלטערן האבן זיך ארויסגעצויגן נעבן קאצק
און מיין פאטער ע"ה איז דארט נפטר געווארן. מיין מוטער מיט
די קינדער זענען אריבער קיין ווארשא. איך האב באקומען מיין
פאטערס תפילין און אלס א יתום, האב איך אנגעהויבן לייגן
תפילין צו 12 יאר. איך האב געזעהן אז איך די שטעטל איז זייער
שווער אבצוהיטן דעם דאווענען מיט מנין און זאגן קדיש, בין איך
אזיך אריבער קיין ווארשא נעבן מיין משפחה.

קומענדיג קיין וארשא האב איך אנגעהויבן צוזוכן ארבעט,
און איך האב זיך צוגעשארט צו א שניידער, און האב אנגעהויבן
ארבעטן און פארדינט 3 רובל א וואך און געוואוינט צוזאמען מיט
מיין מוטער ע"ה, די געלט האב איך געוויינליך אוועקגעגעבן אין
שטוב. נאכדעם האב איך געארבעט ביי א סוחר פון רעשטלאך שמאטעס.

## מען דארף פאלגן א מאמע

אין די געגנט איז געווען פארשידענע שוהלן, א שוהל פאר שוסטער׳ס, שניידערס, סטאלערס, בעלי-בתים, און געוויינליך אויך אנ׳אלגעמיינע שוהל.

יעדערער האט געדאווענט אין זיין חברה. איך האב געדאוונט אין איינע פון אט די שטיבלאך, ווי מען האט זי גערופן, מאכט זיך אמאל אום יום-כפור, נאך נעילה, האב איך געהערט ווי א גרופע יוגנטלעכע שרייען אויס, אנשטאט "לשנה הבאה בירושלים" זאגן זיי "לשנה הבאה באמריקא". איך האב נישט פערשטאנען וואס מיינען זיי דערמיט. אויף מיין פראגע האבן זיי מיר דערצעהלט אז אין אמעריקא מאכט מען א סך געלט, און דעריבער זאגן זיי אזוי.

אזוי ווי איך האב זיך זייער געקווועלט מיט די פרנסה האט דער ענין מיר אנגעהויבן קריכן אין קאפ און איך האב אנגעהויבן צו טראכטן פלענער ווי קומט מען צו צו דעם רייכן אמעריקא און ווי פארט מען אהין. איך האב באשלאסן צוזוכן וועגן ווי אזוי צופארן קיין אמעריקא, אבער אלס דרך-ארץ האב איך ערשטנס געמאלדן מיין מוטער ע"ה פון מיין פלאן.

אין יענער צייט איז געווען דער פארן קיין אמעריקא פארבונדן מיט זייער שווערע פראבלעמען און ספעציעל אין אידישן

סטאנדפונקט. ווען איך האב פארגעשלאגן מיין מוטער ע"ה מיין פלאן צו פארן נאך אמעריקא, האט זי אינגאנצן נישט געוואלט ערן פון דעם, און זי האט מיר געזאגט מיין קינד, אין אמעריקא איז בכלל נישט מעגליך צו האלטן אידישקייט און דעריבער ווארפט זי אפ מיין פארשלאג. איך האב איר גוט פערשטאנען, און אויך אלס דרך-ארץ, האב איך מער נישט גערעדט וועגן דעם און ווייטער אנגעגאנגען מיט מיין ארבעט. איך האב זיך גוט איינגעטאן אין מיין ארבעט און האב שוין פארדינט 7 רובל א וואך. די ארבעט איז געווען מיט שטיקלאך שמאטעס, און האב שוין גוט געוואוסט ווי מען באגעהט זיך מיט אט די סחורות.

איין א געוויסן טאג האט ערשיינען פאר מיר א זייער שיינער מאן, מיט א הדרת-פנים, און האט פארגעשלאגן צופארקויפן זיינע סחורות. איך האב געזעהן אז דער סארט סחורה איז אמעריקאנער און זענען נישט פאסיק פאר די פוילישע סוחרים. פרעג איך דעם אידן פונוואנען ער קומט, זאגט ער, אז ער קומט פון אמעריקא. ווי איך האב געהערט אז ער קומט פון אמעריקא, און ער זעהט דאך אויס אזוי פיין און אידיש, האט איך מיר ווידער אנגעהויבן צורודערן דער געדאנק וועגן פארן קיין אמעריקא. איך האב אנגעהויבן צו שמועסן מיט איהם און איהם פארגעשלאגן, אז אויב ער וועט ברענגען די סחורה אין בעשעפט קען גאנץ מעגליך זיין, אז די סחורה וועט נישט געפעלן דאס וועט איהם אבקאסטן א סך געלד פירן די סחורה אהין און צוריק, האב איך פארגעשלאגן, אז איך וועל קומען צו איהם אוואו ער האלט די סחורה און זעהן אויפן פלאץ וואס מען קאן מאכן, און


לשנה טובה
תכתבו
ותחתמו
מיין לשנה-טובה-קארט צו מיין מוטער ע״ה
אלס 14 יאהר אלט

איך האב זיך נאך גוט דורכגעשמועסט מיט דעם איד און זיך אינטערעסירט וואס איך קען טאן אין אמעריקא און וואו איך זאל זיך ווענדן וועגן מיין פאך. דער איד האט מיר גוט פערשטאנען און צוגעשטימט אז איך קען טאקע מאכן־גוט אין אמעריקא. ער האט מיר געגעבן זיין אדרעסס און אויך אנדערע אדרעסן פון סוחרים, צווישן זיי אויך א אדרעס פון איינעם וואס איך האב געקענט פון אונזער שטעטל. נאר ווען ער האט מיר געזאגט אז איך דארף האבן לכל הפחות 50 דולאר, כדי איך זאל האבן מיט וואס צוקומען דארטן האב איך איהם געענטפערט, ווען איך פארמאג 50 דולאר, דארף איך שוין נישט אנקומען צו אמעריקא. אבער, דער ווילן האט איבער־געשטיגן און איך האב אנגעהויבן טראכטן ערנסטע וועגן ווי צו פארן.

<u>איך פאהר קיין אמעריקא מיט א באגאזש פון דריי מצוות</u>

ווען איך האב שוין אנגעהויבן צומאכן ערנסטע הכנות צו פארן, האב איך זיך נאכאמאל אדורכגערעדט מיט מיין מוטער ע"ה און ווען זי האט שוין מסכים געווען צו מיין פארן, האט זי זיך געדוענדעט צומיר און געזאגט, איך וועל דיר נישט אבהאלטן פון פארן, נאר איך בעט דיר און זאג דיר אן, אז אויב דו וועסט אבהיטן די <u>דריי מצוות</u>, דריי וויכטיגע פונקטן פון אידישקייט, וועט דיר זיין גוט און דו וועסט אוודאי מצליח זיין אין דיין לעבן. די דריי וויכטיגע פונקטן זענען: אבהיטן דעם הייליגן <u>ש ב ת</u>, נישט חלילה מחלל זיין דעם שבת בשום פנים ואופן; זאלסט שטענדיג טראגן <u>ציצית</u> און לייגן יעדן טאג <u>תפילין</u>. איך זאג דיר צו מיין קינד

אז ווען דו וועסט מיר פאלגן און היטן די דריי מצוות, וועט דיר השי"ת אבהיטן פון אלעם שלעכטן און דו וועסט מצליח זיין אין דיינע וועגן. איך האב אנגענומען איהרע ווערטער זייער ערנסט און צוגעזאגט מקיים זיין וואס זי האט מיר אנגעזאגט. מיר האבן זיך געזעגנט און איך בין געפארן קיין אמעריקא מיט דעם באגאזש פון דריי מצוות.

איך בין אנגעקומען קיין אמעריקא אלץ א אינגל, פון 14 יאר אלט. איך האב אנגעהויבן זיך צו ווענדן צו די אדרעסן וואס איך האב באקומען, און דעה ערשטן מיטוואך ווי איך בין אנגעקומען האב איך שוין געקראגן וואו צו ארבעטן און איך בין גלייך אריין אין די געשעפטן. פרייטאג צו-נאכטס, נאכן עסן, האט די היגן זענען געוועז זייער גרויס, האב איך דעם ערשטן מאל געהאט זייער א גוטן שלאף. איך האב געהאט ב"ה אוואו צו עסן. שבת-צופריה, ווען איך בין געקומען אין שוהל דאווענען איז ביי אלעמען געוועז אוואונדער ווער איז דער אינגל, דער נייער גרינער אינגל וואס קומט אין שוהל דאווענען. קיין אנדערע אינגלאך האט מען איבערהויפט נישט געזעהן אין שוהל. אבער ס'האט לאנג נישט גענומען און מען האט מיר שוין גוט געקענט.

איך בין גוט אריין אין די געשעפט, פארדינט גוט, און אין א געוויסע צייט האב איך שוין געהאט אנגעקליבן 300 דולאר. איך האב שוין גוט געוואוסט וואו מען קויפט און מען פארקויפט די סחורה. איך האב אנגעהויבן צו ארבעטן זעלבשטענדיג, איך האב פארדינט 25 דולאר א וואך, אין יענער צייט איז דאס געוועז שיין פארדינט.

איך האב געהאט צוויי סוחרים וואס איך פלעג קויפן ביי זי די רעשט-
לאך שמאטעס, און אלע מיטוואך פלעג איך קומען און ס'איז שוין
געווען צוגעגרייט די סחורה וועלכע זענען גוט פאר מיר.

די ארבעט איז נישט געווען אזוי גרינג, מען האט געארבעט
זייער א סך שטונדן אין טאג, און ב"ה אין די אלע שווערקייטן האב
איך חלילה נישט פארגעסן אבצוהיטן די דריי מצוות.

מאכט זיך אמאל, ווען איך בין געקומען צו א סוחר נעמען
די סחורה, זאגט מיר דער סוחר, הער זיך איין אינגל, איך האב נישט
קיין צייט צו דיר געבן סחורה מיטוואך, דו זאלסט קומען שבת וועסטו
באקומען דיין סחורה. ווי איך האב געהערט די ווערטער קומען שבת,
איז מיר געווארן זייער שווער אויפן הארצן, וואס הייסט עס, קומען
שבת וועגן סחורה. און אויב וועל איך נישט קומען באקום איך נישט
קיין סחורה מיט וואס צוארבעטן. האב איך גלייך געענטפערט דעם
סוחר, איך בין דאך א איד וואס היט שבת, און שבת וועל איך נישט
קומען נאך סחורה. דער סוחר האט נישט געוואלט הערן וואס איך רעד
צו איהם, ער האט גענומען שפאטן פון מיר, און געזאגט אודאי קענסטו
שבת נישט קומען, ווייל דו גייסט פארברענגען מיט חברים און חברות,
און דעריבער ווילסטו נישט ארבעטן שבת. וויפל איך האב זיך ביי
איהם געבעטן און געגעבן צופארשטיין, אז איך היט מאקע יא שבת און
נישט קיין אנדערע זאכן, אבער דער סוחר האלט זיך ביי זיינס און
וויל נישט הערן וואס איך רעד. מיטאמאל איז מיר איינגעפאלן און
איך האב ארויסגענומען מיינע ציצית און איהם באוויזן, אלס באווייז

אז איך בין א ערליכער איד. ווי דער סוחר האט דערזעהן די ציצית, האט ער אזאג געטאהן: אויב אזוי, וועסטו פון היינט אן ווייטער באקומען דיין סחורה אלע מיטוואך, ווי ס'איז געווען ביז היינט, און דו וועסט קענען ווייטער היטן שבת ווי דו ווילסט. ביי דעם האב איך שוין געזעהן ווי ווייט איז געווען דער אנזאג פון מיין מוטער ע"ה און איך האב געזעהן אז מען וויל, קען מען טאקע היטן די מצוות און אז דורכדעם העלפט טאקע דער רבש"ע אין אלע וועגן.

שטענדיג געהאנדלט ערליך

אין מיין האנדלען האב איך זיך פארגענומען, אז מען מוז האנדלען ערליך, און א ווארט איז געווען א ווארט. צווישן אנדערע האב איך אויך געהאנדלט מיט א גוי, וועלכער איז געווען צופרידן צוהאנדלען מיט מיר. איך האב געהאט א געוויסע סחורה און דער גוי האט באשטעלט יעדעס מאל 40-50 טויזנט פונט סחורה (אזוי האט מען געהאנדלט אויפן וואג), און געענדיג פאר א געוויסן פרייז. דער האנדל האט זיך פארנומען אין א סומע פון 8 ביז 10 טויזנט דאלאר. אזוי איז אנגעגאנגען די האנדל געוויסע צייטן. איינמאל האט מיר דער גוי גערופן צו זיך אויף א געשפרעך, איך בין געקומען און איהם געזאגט, אז איך טראכט צופארלאזן די סארט ארבעט, דער גוי וועלכער האט געוואוסט אז ס'איז גוט צוהאנדלען מיט מיר, האט ער מיר נישט אבגעלאזט, ער

האט מיר פארגעשלאגן צו האנדלען מיט זיינע סחורות און געגעבן צו פארדינען. ער האט פארגעשלאגן אגוטן פרייז און געקויפט ביי מיר 100 טויזנט פונט סחורה. לויט זיין פארשלאג, האב איך צוגעגרייט פאר איהם געוויסע סחורה, יעדעס קאליר פאר זיך. קיינער האט נישט געטארט וויסן פון דעם, און ער האט דורכדעם גוט פארדינט. וויפל מאל זענען געקומען די אידישע סוחרים און האבן מיר פארגעשלאגן פיהל העכערע פרייזן ווי דער גוי, אבער איך האב מיין ווארט קיינמאל נישט געביטן.

ס'איז אריבער א צייט און ווי דער גוי האט געהערט אז איך וויל ווייטער אבלאזן מיין האנדל, האט ער מיר געגעבן איין פאראויס 2000 דולאר, און ווען איך האב באזארגט די סחורה, האט ער די געלט נישט געוואלט צוריקנעמען, נאר שטענדיג האט ער געזאגט ס'איז צייט שפעטער אבצורעכענען. אזוי האט זיך דער האנדל ווייטער אנגעפירט. אין א צייט שפעטער בין איך אריבער אין אנדערע ביזנעס און אויך דארט ב"ה גוט פארדינט.

## מיין חתונה

ווען איך בין אלט געוועז 21 יאר, האב איך חתונה געהאט מיט מיין חשובע פרוי מרת הנה זלדא תחי', די טאכטער פון הרה"ח ר' פנחס וואגעל ז"ל און מרת אודי בריינדיל ע"ה. איך האב דאן גוט פארדינט און מיר האבן אנגעפירט א פיין אידישע שטוב און געלעבט פיין באלעבאטיש. מיין פרוי תחי' איז דעם גאנצן

לעבן א אמתע "עזר כנגדו" און מיר מיטגאהאלפן אין די אלע צדקה-ארבעט און ספעציעל אין די מצות "הכנסת אורחים" און בעיקר אין הערציען די קינדער אויפן אידישן תורה-וועג.

<u>מסירות-נפש פון מיין שווער און שוויגער</u>

אין יאהר 1904 בערך, איז מיין שווער און שוויגער עליהם השלום אנגעקומען קיין אמעריקא. דער שווער איז געווען פון דער-היים א וויזשניצער חסיד און זייער א פיינער תלמיד-חכם און אנגעזעהן ביי הלעמען. ער האט זיך באשעפטיגט מיט מלמדות, וואס דאס איז געווען זייער א קליינער פארדינסט. אין יענער צייט איז געווען אין אמעריקא זייער א שווערע לאגע, מיין פרוי תחי' איז דאן נאך געווען זעהר יונג, אבער זי האט געמוזט געהן זוכן ארבעט כדי צובריינגען פרנסה אין הויז. כדי צובאקומען ארבעט, וואס דאס איז געווען זייער א שווער פראבלעם, האט מען געמוזט צוזאגן אז מען וועט ארבייטן שבת. ווי מיין פרוי און איהר מוטער ע"ה האבן דאס דערהערט, האט זי א געשריי געטאהן: ניין! מיין קינד וועט חס-וחלילה נישט ארבייטן אום שבת, וואס עס וועט ניט פאסירן! אלע האבן געזעהן אין דעם געוואלדיגע מסירות נפש.

<u>די קינדער אין תורה וועג</u>

דורך די צייט איז ב"ה געבוירן געווארן צוויי זיהן מענדעל נ"י און יצחק נ"י און די טאכטער אסתר תחי'. נאכדעם ווי איך האב געזעהן אז איך האב ליידער ליידער, נישט געקענט פארזעצן

און ס'איז צוגענומען געווארן פון מיר דאס מעגליכקייט פון זיצן און לערנען, האבן מיר געמאכט אלע אנשטרענגונגען אז אונזערע קינדער זאלן טאקע זיצן און לערנען תורה און אויסוואקסן תלמידי-חכמים.

<u>הכנסת אורחים</u>

דא וויל איך באטאנען א אינטערעסאנטע עפיזאדע. איך פלעג דאווענען אין די פוילישע שוהל (שטיבל). אין א געוויסן שבת האב איך דערזעהן ווי ס'איז געקומען א נייער איד, זייער ארעם אנגעטאן. זיין ארעמקייט האט אויף מיר געמאכט זייער א שווערן איינדרוק. איך האב געטראכט וואס מאכט מען מיט אזא איד, וואו עסט ער, וואו וואוינט ער, אלס א יונגער מאן, האב איך נישט געוואלט גלייך צוגיין צו איהם, האב איך געווארט ביז נאכן דאווענען און זעהן צו ווער וועט איהם מיט נעמען. ווי איך האב געזעהן אז קיינער רופט איהם נישט מיט, און ער בלייבט אליין, האב איך איהם געפרעגט אויב ער וועט גיין צו מיר עסן, האט ער מסכים געווען, איך בין געווען זייער צופרידן. מיר קומען אהיים, האב איך גלייך געמאלדן מיין פרוי, זאל זיין געזונט, אז איך האב מיטגעבראכט א אורח אויף שבת. זי איז אויך געווען זייער צופרידן צו הערן אז מיר האבן א אורח אויף שבת. מען האט זיך געזעצט צום טיש, איך האב געמאכט קידוש, און איך בעט דעם אורח ער זאל מאכן קידוש, האט ער נישט געוואלט. איך האב זיך אביסל דערשראקן ווער ווייסט וואס פארא סארט גאסט איך האב מיטגעבראכט, אבער ווי מיר האבן זיך געוואשן צום עסן, זעה איך ווי דער אורח מאכט קידוש איבער די חלות. ווי

איך האב דאס דערזעהן, האב איך פערשטאנען אז דער איד מוז זיין א חשובער, ווייל ער ווייסט נישט וועלכע ווייין איך נוץ, און איך בין שוין געווען צופרידן צוהאבן אזא אורח. איך האב געזעהן אז ער גייט אנגעטאן דייער נישט ריין, נאכן עסן האב איך איהם מיט-געגעבן איבערצוטאן און נאך קליידונג. איך האב געמיינט אז אזיך אינדערפרי וועט ער קומען אין שוהל דאווענען און קומען צו מיר עסן, אבער ווען איך בין געקומען שבת-צו-פרי אין שוהל, האב איך געזוכט דעם אורח, און איך טרעף איהם נישט, האב איך געפרעגט די אידן אין שוהל צו זיי האבן איהם געזעהן, און קיינער האט מיר נישט געקענט ענטפערן, קיינער ווייסט איהם נישט און קיינער קען איהם נישט. די מעשה איז פארבליבן ביי מיר ביז היינט א מין רעטעניש.

<u>די קינדער אין דער ישיבה</u>

ס'האט זיך ווייטער אנגעפירט מיינע געשעפטן. ווען מיין זוהן מענדל שליט"א איז אלט געווארן 5 יאר האט איך אריינגעגעבן לערנען אין ישיבה. איך האב צוגעזאגט און געצאלט ווי א שיינער בעל-הבית. אבער די צייטן האבן זיך געענדערט, איך האב נישט געהאט צוצאלן, האבן מיר אנגעהויבן זוכן וועגן פון וואנען צו-צאלן שכר-לימוד. מיר האבן געוואוינט אין א דירה, וואו מיר האבן געצאהלט 55 דאלאר א מאנאט, האבן מיר געדינגען א קלענערע וואוינונג וואס ס'האט געקאסט נאר 45 דאלאר א מאנאט, מיר האבן געמוזט זוכן א וועג ווי אריינצוברענגען די מעבל אין די קלענערע דירה, אבער

דאס אלעס האבן מיר געטאהן כדי צושפארן פאר שכר-לימוד. אין די פריערדיגע צייטן פלעג איך עסן אין רעסטראנען, וואו ס׳האט געקאסט 35 סענט א מאל צייט, און צוליב שפארן פאר שכר-לימוד, פלעג איך מיט-נעמען אין געשעפט ברויט מיט ציבאלעס, כדי צושפארן די 35 סענט, און דאס האט קיינער נישט געוואוסט. מיר האבן שטענדיק געדאנקטהשי"ת פאר די גוטע געדאנקען וואס ער האט אונז אריינגעגעבן אויפצו-האדעווען די קינדער צו תורה.

<u>געראטעוועט א נפש מישראל</u>

ס׳קען זיין, אז דאס וואס מיר זענען אריבער אין דער קליינער וואוינונג איז אויך געווען מן השמים, צוליב די קומענדיגע מעשה.

ביי ווען מיר האבן געוואוינט, איז געווען א זייער ארימער איד, א אלמן, מיט קליינע קינדער. מיין פרוי תחי׳ האט זיך זייער אבגעגעבן מיט די קליינע קינדער און געהאדעוועט צוזאמען מיט אונזערע קינדער און זי איז געווען צו זיי ווי א אייגענע מאמע. מאכט זיך אמאל, ווי איך גיי אין טרעפן-צימער, גייענדיג צו דער ארבעט, זעה איך פאר מיינע אויגן א שרעקלעכע בילד, די טאכטער פון דעם איד, א יאר 16 אלט, ליגט אויף דער ערד מאכטלאז און ווייסט נישט וואס טהוט זיך מיט איר. איך האב גלייך ארויסגערופן מיין פרוי. מיר זענען געווען זייער דערשראקן און מיין פרוי האט גלייך ארויסגערופן ד"ר לעווין, אונזער הויז דאקטאר, ער האט זיך מטפל געווען מיט איר און געבראכט נאך א פראפעסאר. קיין געלט האט ער נישט גענומען פאר זיין ארבעט, און ב"ה זי איז

געראטעוועט געווארן. דער דאקטאר האט באצייכנט אז א דאנק די שנעלע באהאנדלונג האט מען איר געקענט ראטעווען. נאך די מעשה זענען מיר ווייטער אנגעגאנגען מיט די פאמיליע און מיר זענען געווען די מחותנים צו דער חתונה פון די טאכטער.

## געשטרעבט נאך ארץ-ישראל

אויך געפין איך פארנוטיג צובאטאנען וויאזוי השי"ת פירט די וועלט און גיט אכטונג אויף יעדן איינעם און אויף יעדן טריט און שריט.

איך האב אלעמאל געשטרעבט צופארן קיין ארץ-ישראל און געזוכט וועגן וויאזוי דאס דורכצופירן. מאכט זיך א מעשה, מיינער א גוטער פריינד, פון מיין שטעטל, א גרויסער תלמיד-חכם מיטן נאמען ר' אלי', האט מיר דערצעלט אז ער פארט קיין ארץ-ישראל, און ער האט שוין געקויפט 25 דונאם באדן אין ארץ ישראל אין די שטעטל רעננה. האב איך געטראכט אז אויב ר' אלי' האט געקויפט 25 דונאם, קען איך קויפן אפילו 50 דונאם, און דורכדעם וועל איך שוין האבן א מאטיוו פאר וואס צופארן קיין ארץ-ישראל און זיך באזעצן דארט. דעריבער האב איך געבעטן מיין פריינד, אז ער זאל מיר שרייבן גלייך ווי גייט איהם דארטן.

ר' אלי' איז אוועקגעפארן און ס'איז א דורך אלענגערע צייט און איך האב נישט געהערט פון איהם קיין שפור. דאס האט מיר אביסל פארדראסן, הלמאי ער שרייבט נישט און לאזט גארנישט וויסן

פון זיך. איך האב איהם געשריבן, אבער קיין אנטווארט האב איך נישט באקומען. ס'איז דורך א צייט, האב איך באקומען א בריוול, וואו ער האט זיך אנטשולדיגט פארן נישט שרייבן, און ער גיט צו, פארוואס ער האט נישט געשריבן. ער שרייבט אז ער האט מצליח געווען נאר אין דעם זין פון באדן, אבער ליידער האט ער נישט מצליח געווען אויפן געביט פון ערציהען די קינדער, וועלכע זענען נעבאך אוועק פון דעם וועג וואס ער האט געשטרעבט, און דעריבער ראט ער מיר אז איך זאל איהם נישט נאכטאהן, און בעסער ערציהען מיינע קינדער אין אמעריקא לויט ווי איך טהו ביז יעצט און זיי שיקן דארטן אין די ישיבות. אויך דא האבן מיר געזעהן עפנטליך ווי השי"ת האט געפירט און אכטונג געגעבן אויף אונז און בעזרת השי"ת ערצויגן די קינדער אויפן אמתן אידישן תורה-וועג.

<u>געפאלגט דעם רבין</u>

ווי געזאגט האבן מיר ב"ה דערגרייכט און אונזערע קינדער האבן זיך ערצויגן אין די ישיבות, אבער איך געפין אויך פארנוטיג צו באטאנען א געוויסן סיפור, אז מען פאלגט דעם רבין העלפט השי"ת, און נישט נאר מען האט נישט חרטה, נאר מען איז דווקא מצליח.

מיין זוהן מענדל שליט"א האט געלערנט אין ישיבה זייער גוט. דער ראש-הישיבה הרב מענדלאוויטש האט איהם צוזאמען מיט נאך א גרופע יוגנטלעכע אויסדערוויילט פאר ספעציעלע תלמידים און אריבערגעשיקט לערנען ביי הרב ריוווקין. הרב ריוווקין וואס איז געווען א ליובאוויטשער חסיד, האט געלערנט מיט די תלמידים

אויך חסידות פון חב"ד, און דורכדעם איז מענדל געווארן א חב"ד-
ער חסיד.

ס'איז דורך א צייט, מענדל איז ב"ה בעשטיגן זייער גוט
און פיין; געלערנט זייער גוט און איז געווען א ספעציעל פיינער
בחור, א תלמיד-חכם, אבער וויבאלד ער איז שוין געווען א בחור
אין די יארן, און אין יענער צייט א בחור וואס האט נאר געלערנט
איז געווען זייער שווער צוקריגן א שידוך, האב איך געוואלט אז
מענדל זאל אנהויבן טראכטן וועגן תכלית. איך האב געקויפט א
געשעפט בשותפות מיט מיינעם א פריינד, און צוביסלאכווייז איינ-
געפירט מענדל'ען אין די געשעפטן.

אין יענער צייט, נאך אין מיטן די גרויסע וועלט קריג,
איז אנגעקומען קיין אמעריקא דער ליובאוויטשער רבי נ"ע, גאכן
גרויסן חורבן וואס איז פארגעקומען מיטן אידנטהום אין אייראפא.
דער רבי נ"ע האט געמאכט אין אמעריקא גאר א גרויסן איינדרוק
ביי אלע קרייזן, און איז אויפגענומען געווארן מיט גרויס פאראד.
די ערשטע צייט ווי ער איז אנגעקומען איז בכלל נישט מעגליך געווען
מען זאל אנגענומען ווערן ביים רבין פאר א וויזיט. גאר די
חסידים, און ספעציעל נאר די באוואוסטע און גרויסע חב"דניקעס
האבן געקענט דורך שוועריקייטן צוקומען צום רבין. ס'זענען
געקומען חסידים פון אלע עקן אמעריקא, כדי צוקענען אריינקומען
צום רבין. וויסענדיג די שוועריקייטן האב איך אפילו נישט געהאט
בדעה אין די צייט צוגיין צום רבים אויף א וויזיט.

איך א געוויסן טאג באקום איך א ידיעה אז דער רבי רופט מיר צו איהם. איך האב בשום אופן נישט געקענט פארשטעהן וואס עפעס רופט מיר דער רבי, און פון וואנען ווייסט ער פון מיר און איך ווייס נישט וואס ער וויל פון מיר. וויסענדיג אז כדי זיך צוצושטופן אריינקומען צום רבין איז פאר מיר אוממעגליך, און אויך דאס דארף נעמען זייער פיהל צייט, האב איך געזאגט, אז אויב מען וועט מיר באשטימען א געוויסע צייט וואס איך זאל קענען אריינקומען, דאן וועל איך קומען. ס'איז טאקע אזוי געווען, מען האט פאר מיר באשטימט א צייט. ווי איך בין געקומען האב איך געטראפן פיהל חסידים וועלכע שטייען אין די ריי אויפצו-נעמען ווערן ביים רבין, אבער וויסענדיג אז מען האט מיר באשטימט די צייט, וועל איך נישט דארפן ווארטן. איך האב זיך אויך אריינגעשטעלט אין דער ריי. דער טומעל איז געווען זייער גרויס, פלוצלונג הער איך ווי א פרוי שרייט, זי קומט פון שיקאגא און זי ווארט שוין אזוי לאנג, בעט זי ביי מיר איך זאל איר צולאזן אויף מיין פלאץ. איך האב געזעהן אז דאס דארף נעמען א לאנגע צייט, האב איך רחמנות געהאט אויף די פרוי און איר איבערגעגעבן מיין פלאץ, און איך בין אוועקגעגאנגען.

אויף צו מארגנס קומט צו צומיר מיין מענדל און זאגט מיר, דער רבי פרעגט, הלמאי ביזטו נישט געקומען, ווי מען האט דיר באשטעלט. האב איך איהם דערצעהלט די גאנצע מעשה. מענדל

האט מיר געבראנגבט די ידיעה אז ס'איז באשטימט געווארן די-געווויסע שעה. אזוי ווי איך האב נאך קיינמאל נישט באזוכט ביי א רבין, האב איך אפילו נישט געוואוסט וויאזוי מען דארף זיך פירן ווען מען קומט צו א רבין, דעריבער האב איך זיך דורכגעשמועסט מיט מיין מענדל'ן וואס צו רעדן א.א.וו. מענדל האט מיר צוגעגעבן, טאטע זאלסט דעהן זיך האלטן שטארק, איך האב נישט פערשטאנען וואס ער מיינט. מענדל חזרט איבער, טאטע זאלסט זיך האלטן שטארק.

צו דער באשטימטער צייט בין איך געקומען צום רבין און מען האט מיר גלייך אויפגענומען און אריינגעלאזט. איך בין אריינגעקומען צום רבין, האב איך דערזעהן פאר מיר א געוואלדיגע מורא-דיגע צורה, א שיינעם געשטאלט, א מין הדרת-פנים וואס מען זעהט נישט געזויינליך, מען האט דערקענט אז דאס איז א גרויסער צדיק, צודעם, ' זיין פריינדליכן אויפנעמען האט געמאכט א געוואלדיקן איינדרוק. איך האב געגעבן שלום און דער רבי האט מיר מכבד געווען פריינדליך. ווי דער רבי האט אנגעהויבן שמועסן, האט ער באלד געבומען באטאנען און שילדערן די שרעקליכע לאגע פון אידנטהגס, איך ווערלכן ס'זענען אזוי פיהל אידן אום-געקומען דורך היטלערן ימח-שמו. און צווישן די רייד האט דער רבי אויך געשילדערט דעם גרויסן פארלוסט ספעציעל פון דער תורה וועלט, וואס פון דארט פלעגט ארויסקומען רבנים א.א.וו. פאר די גאנצע וועלט, און צוליב דעם אומקום, מוז מען זעהן אז דער

אידנטהום וואס איז דא אין אמעריקא זאל נעמען טראכטן אויפשטעלן דורות פון תורה, כדי צו ערפילן דאס וואס איז פארלוירן בעגאנגען.

אין ערשטן מאמענט האב איך נישט פערשטאנען וואס מיינט דער רבי מיט די ווערטער און וואס ספעס רעדט ער מיט מיר וועגן די ענינים, אבער גלייך האט דער רבי אנגעהויבן שמועסן וועגן מיין מענדל. דער רבי זאגט צו מיר, דו האסט דאך א פיינעם זוהן, לערנט גוט און שטייגט אין לערנען, דעריבער דארפסטו זעהן אז ער זאל ממשיך זיין אין לערנען כדי ער זאל טאקע אויסוואקסן א פיינער רב און ס'זאל ארויסקומען פון איהם פיינע דורות. ווי דער רבי האט מיר געזאגט די ווערטער, האב איך פערשטאנען דואס מענדל האט מיר געזאגט, טאטע זאלסט זיך האלטן שטארק. איך האב אנגעהויבן זאגן דעם רבין אז דאס איז זייער א שווערע זאך, ווייל דא אין אמעריקא איז זייער שווער א שידוך צוטאהן מיט א בחורל וואס טהוט נישט קיין געשעפט, דעריבער האב איך בעקויפט א געשעפט מיט נאך א שותף כדי מענדל זאל האבן מיט וואס זיך באשעפטיקן. דער רבי האט אבער נישט געוואלט אננעמען מיינע טענות און ער האט געזאגט און געבעטן אז מענדל זאל נישט פאר־לאזן דעם לערנען. ס'האט גענומען א שטיקל צייט. ווען דער רבי האט געזעהן אז איך לאז נישט נאך, האט ער אזאג געטאן, נו וואס קען איך טאהן, אז דער פליישיגער טאטע וויל אזוי. ווי דער רבי האט אזאג געטאהן די ווערטער, האב איך געמיינט אז איך פאל אריין אין א גרוב. איך האב זיך גוט פארשעמט, ערנדיג

אזעלכע ווערטער. אין דעם מאמענט האב איך באשלאסן און געענטפערט דעם רבין אז איך בין טאקע מסכים צו זיינע ווערטער און מענדל וועט ווייטער בלייבן ביים לערנען. דער רבי איז געווען צופרידן הערן פון מיר אז איך האב בעשטאנען צו איהם. איך האב זיך געזעגנט פונם רבין זייער צופרידן.

ווי איך בין ארונטערגעקומען פונם רבין, האט מען שוין געוואַרט אויף מיר, צווישן זיי אויך מיין מענדל, און האבן געוואלט הערן וואס איז געווארן מיטן שמועס ביים רבין. ווי איך האב דערזעהן מענדל'ן, האב איך איהם געזאגט, מענדל! דו געהסט צוריק צום לערנען און דו וועסט בלייבן ביי די תורה און לערן גוט און פלייסיק. אלע אנהוועזענדע זענען געווען צופרידן צוהערן פון מיר די ווערטער, און איבערהויפט איז מענדל געווען צופרידן פון דעם.

ווען איך בין א היים געקומען און איך האב זיך אפגע-הויבן איבערצולייגן וואס דא איז פארגעקומען, האב איך דערזעהן ווי ווייט דער רבי האט רעכט מיט זיין פערלאנג און געטראכט ביי מיר, סוף-סוף ווען מענדל ווערט א געשעפט מאן און וואנדערט אין די שטעט מיט זיין מאשין, וויפל מענשן לעבן כסדר אין סכנה, און יעצט וועל איך קענען זיין רוהיג אז ער געפינט זיך נישט אויף די סכנות'דיגע וועגן.

אין א צייט שפעטער ווען ס'האט זיך אנגעהויבן די שווערע פראגע וואס מען האט גענומען מאביליזירן יוגנטלעכע צו די מיליטער און זיי צושיקט אויף דער וועלט, האט זיך אנגעהויבן אויך די פראגע וואס טהו איך מיט מענדלן? אבער, גלייך האט ער באקומען א ידיעה אז ער איז אויפגענומען געווארן אלס רב אין א קהילה און באקומען זיין כתב-רבנות. אלס רב איז ער באפרייט געווארן פון דינסט. אויך דא האב איך גלייך געזעהן ווי רעכט דער רבי איז געווען מיט זיין פארשלאג אז מענדל דארף בלייבן ביים לערנען. און איך האב שטענדיג געדאנקט השי"ת פאר די גוטע געדאנקען און מענדל איז טאקע געבליבן ביים לערנען תורה.

<u>און ווייטער...</u>

ווי מענדל איז אויך אונזער ליבער זוהן יצחק שליט"א ב"ה געגאנגען אין דעם זעלבן אידישן תורה-וועג. ער האט זיך געפונען זייער א סך אין ליובאוויטשער הויף, און זיך בעהאדעוועט לויט זייער שטייגער. נאכן ענדיגן די ישיבה תורה ודעת און באקומען סמיכה אלס רב, איז ער אריין לערנען אין ליובאוויטש, און געווארן זייער שטארק מקושר צום רבין נ"ע, וואו ער איז געווארן א בן-בית און ער צוזאמען מיט מענדלען זענען געווען פון די געציילטע יונגע חסידים וועלכע האבן געדינט דעם רבין נ"ע ביזן לעצטן טאג.

אלס אויסדרוק פון ליבשאפט האט דער רבי נ"ע אנגעזאגט איבערצוגעבן זיין קיטעל צו יצחק'ן און זיין גארטל צו מענדל'ן.

יצחק האט ב"ה זייער פיין מצליח געווען אין זיינע וועגן און פירט אן מיט גוטע געשעפטן און אין דער זעלבער צייט לאזט ער נישט אפ זיינע שיעורים, וואס ער גיט אלע טאג פאר בעלי-בתים און אויך אין די עניני צדקה.

אין די לעצטע צייט ווען די פינאנסיעלע לאגע פון די ישיבה וואס ווערט אנגעפירט דורך הרב דוב שווארצמאן שליט"א איז געווען זייער שווער, און ס'האט געדראהט זייער שווער אפילו אויף צופארמאכן הלילה די ישיבה, האט יצחק שליט"א געשאפן פאר די ישיבה 100 טויזנט דאללאר און דורכדעם איז די ישיבה געראטעוועט געווארן פון אונטערגאנג.

אויך אונזער טאכטער אסתר תחי' האט זיך אויסגעהאדעוועט אלס געטרייע אידישע טאכטער און געטאהן זייער א סך פאר אידישקייט און פאר העלפן נויטבעדערפענדע און ערצויגן אירע קינדער אין אמתן אידישן תורה.

<u>און אויך די אייניקלאך</u>

מיר האבן ב"ה דערגרייכט פיהל אידיש נחת פון אלע אונזערע אייניקלאך וועלכע פאלגן נאך אונזערע וועגן און זענען זייער איבערגעגעבן צו תורה און מעשים טובים און זענען אליין תלמידי-חכמים.

פנחס שליט"א, דער זוהן פון מענדלען שליט"א, איז איינער פון די פירנדע רבנים אין אויסטראליע, וואו ער איז א היין געפארן לויט דעם אנזאג פון דעם ליובאוויטשער רבין שליט"א, און ער טהוט דארט אויף ב"ה זייער א סך פאר אידישקייט און תורה.

יחזקאל שליט"א, דער זוהן פון מיין טאכטער האט אויך ב"ה דערגרייכט אויפצוטאהן זייער גרויסע זאכן אין אידישקייט און אין תורה. נאך זיין חתונה איז לויט די בקשה פון הרב שווארצמאן געווארן א ראש-ישיבה אין "גבעת עדה" פאר די בעלי-תשובה מיט גרויס ערפאלג. ווען ס'האט זיך געמאכט און יחזקאל שליט"א האט געוואלט אריבער אין א אנדער געגענט, האבן די אלע אנדערע געזאגט אז אויב הרב יחזקאל גייט אוועק, פארלאזן זיי אלע דעם פלאץ, און ער איז ממשיך מרביץ צו זיין תורה דארטן ביז היינט.

יוסף שליט"א, דער זוהן פון יצחק'ן שליט"א, האט זיך אויך אויפגעהאדעוועט אין ישיבות און ווען אנדערע האבן געוואלט לייגן אויף איהם א דרוק צו געהן אין אוניווערזיטעט, און ער האט בשום אופן נישט געוואלט, האט ער באשלאסן צופרן נאך ישראל און דארט ממשיך זיין תורה לערנען. ווען ער איז ארויף צום עראפלאן האט ער זיך געזעגנט און געזאגט "גוט ביי קאליג'". ער האט פאר-געזעצט זיין לערנען אין ישראל. נאך זיין חתונה אין אמעריקא איז ער צוזאמען מיט זיין פרוי געקומען צוריק קיין ישראל. צוליב פאמיליע סיבות האט ער געמוזט צייט-ווייליג צוריק פארן קיין


מיין באטייליקונג אין א אקציע
פאר די ישיבה "תורה ודעת"

אמעריקא, וואו ער איז ארײן אין זײן טאטנס ביזנעס. ווען ער האט אנגענומען דעם אמט, האט ער אויסגענומען אין פארדינס, אז ער וועט ארבעטן נאר א האלבן טאג, כדי קענען ממשיך זײן זיצן לערנען תורה.

## ספעציעלע קאפיטלאך וועגן מײן אויפטוי

### שטרעבונג צו העלפן אידישקײט און ישיבות

ווי געזאגט, אז איך האב נישט געהאט די מעגלעכקײט צו לערנען תורה, האבן מיר שטענדיג געשטרעבט צוהעלפן אויפבויען ישיבות און תורה.

זינט איך בין געקומען קײן אמעריקא און האב שוין אנגעהויבן צו פארדינען גוט, האב איך גלײך גענומען שטרעבן צו העלפן תורה. אין דעם קומענדיגן באשרײבונג וועט איהר זעהן ווי דער רבש"ע האט מיר טאקע געהאלפן אויסצופיהרן מײנע גוטע געדאנקען.

אין א געוויסע צײט איז צוגעקומען צו מיר א פרוי, און בעט בײ מיר איך זאל ווערן א מעמבער אין די נײע ישיבה "תורה ודעת" וואס איז בעגרינדעט געווארן אין אמעריקא. זי בעט בײ מיר איך זאל צוזאגן 5 דאלאר א מאנאט. מיר איז דער ענין גלײך געפעהלן געווארן, צוהעלפן א נײ ישיבה, אבער אין יענער צײט איז פארגעקומען אין אמעריקא זײער פיהל פאלשקײטן, מען האט גענומען געלט פאר ישיבות און אינסטיטוציעס וועלכע זענען

איבערהויפט נישט געווען, דעריבער האב איך גענומען דעם אדרעס פון פון דער נייער ישיבה "תורה ודעת" און בין צוגעגאנגען זעהן די ישיבה. איך האב געטראפן אז אין א קליינעם וואוינונג, ממש אין קעלער, זיצט א מלמד און לערנט מיט עטלעכע קינדער. איך האב באשטאנען און איך בין געווארן א מעמבער צושטיצן די ישיבה. שפעטער האב איך אויך מיין זוהן מענדל שליט"א און יצחק שליט"א אריינגעגעבן אין דער ישיבה.

איך האב אנגעהויבן שטיצן די ישיבה און די ישיבה האט ב"ה געוואקסן זייער שיין און זייער פיין, זענען שוין אריבער אין א נייעם בילדונג און ס'איז שוין געווען דארטן עטלעכע קלאסן און פיהל מער קינדער.

אבער די גוטע צייטן האבן זיך געענדערט און ס'האט אנגעהויבן ווערן שווער די לאגע אין דער ישיבה. מען האט נישט גע-צאהלט די מלמדים חודש געלט. ס'איז שוין געווען 20 מלמדים, די חודש-געלט, דאס איז געווען זייער לעבנס מיטל, און אז זיי האבן נישט געהאט פון וואנען צו עסן, האבן זיי אנגעהויבן סטרייקן, און אז די מלמדים האבן געסטרייקט איז זעלבסט-פערשטענדליך האבן די קינדערלאך זיך ארומגעדרעהט אין די גאסן און ס'איז נישט געווען ווער ס'זאל אויף זיי אויפפאסן. די עלטערן, וועלכע האבן געצאלט זייער שכר-לימוד האט זיי פארדראסן אויף די מלמדים און זיי האבן זיי גערופן צו א דין-תורה.

ווען די עלטערן זענען געגאנגען צום בית-דין האבן זיי מ׳יר געבעטן איך זאל מיטגיין, אלס א טאטע, איך האב מיטגע-שטימט און געגאנגען מיט זיי. ווען ס׳איז געקומען צום בית-דין האבן די עלטערן געטענהט, הלמאי די מלמדים שטרייקן, מיר צאהלן דאך אלע חודש שכר-לימוד און פארוואס זאלן די מלמדים שטרייקן? צווישן די וואס האבן געטענהט, האט מען אויך מיר געהייסן זאגן מיין ווארט. ווי איך האב אנגעהויבן צורעדן, האבן די מלמדים געזעהן אז איך שטעה צו זייער זייט און זענען געווען צופרידן דאס צוהערן.

אויף צו מארגנס איז געקומען צו מיר הרב בנימין ווילהעלעם ז"ל, וועלכער איז געווען איינער פון די אנפירער פון דער ישיבה "תורה ודעת", און זאגט מיר, אז איך מוז אריינגעהן אין די פראבלעמען פון דער ישיבה און אנהויבן צוזוכן וועגן ווי צו פארבעסערן די לאגע, איך האב פערשטאנען די וויכטיגקייט און אנגעהויבן זוכן וועגן וואס צו טאהן.

מען האט גלייך אראנזשירט א מיטינג פון אלע עלטערן און מיט העלפער פון דער ישיבה. צו דער מיטינג האט געדארפט קומען אויך דער פרעזידענט, אבער דער טרעזשערער וועלכער פלעגט אויסצאהלן די גלעטער, איז געווען א שטארקער מענש און בכח האט ער נישט געלאזט דעם פרעזידענט גיין צו דער זיצונג. גייענדיג צום מיטינג האב איך געהערט פון דעם, איך האב בעזעהן

אז איך האב נישט קיין פארזיצער, האב איך אויפן וועג געבעטן מיינס
א פריינד, אז ער זאל זיין דער פארזיצער, חאטש איך האב געפיהרט
די זיצונג. ביי דער זיצונג בין איך ערווילט געווארן אלס טרעז-
שערער פון דער ישיבה, טראץ דעם וואס דער פריערדיגער איז געווען
שטארק געגן דעם.

איך בין אריין אין דער ארבעט און די ערשטע זאך וואס
איך האב געשטעלט פאר מיר איז געווען, אז ס'זאל זיין געלט צוצאלן
די מלמדים אנפאנג חודש. איך האב גלייך גענומען די ענינים אין
די הענט, ערשטנס האב איך גערופן אלע עלטערן און גענומען ביי זיי
די טשעקס פאר יעדן חודש, און איך האב גלייך געמאכט פון די טשעקס
געלט. אפילו ווען ס'איז געווען אזעלכע טשעקס וואס זענען נישט אזוי
גוט געווען, האב איך אויסגעליהען און דער עיקר איך האב געטאן אלץ
אז די מלמדים האבן באקומען זייער געהאלט אנפאנג חודש. דער
פריערדיגער טרעזשערער, ווען ער האט געזעהן אז איך פיהר די
ענינים זייער גוט, האט ער אנגעהויבן צו שטערן די ארבעט מיט
פארשידענע וועגן. ווען איך האב געזעהן אז ער שטעהרט אזוי שטארק
די ארבעט, האב איך זיך געווענדעט צו די פערוואלטונג פון דער
ישיבה און זיי איבערגעגעבן אז אויב דער מאן וועט ווייטער שטערן,
וועל איך נישט קענען אנגעהן מיט די ארבעט, ביז וואנען אין א
געוויסן טאג האט דער מאן גוט צושלאגן איינעם פון די מלמדים, האב
איך זיך גלייך נאכאמאל געווענדעט צו די פערוואלטערס און דער-

פאפירן פאר איהר קינד, סיי פאר די תורה קלאסן, סיי פאר די ענגלישע קלאסן און אזיך פארן עסן, איך האב איהר בערוהיגט און דערלאנג די אלע פאפירן. זי איז אוועק זייער צופרידן.

מאכט זיך אמאל און עס ערשיינט א פרוי און געמאלדן אז זי האט געבראכט א ספר-תורה פאר די ישיבה. איך בין ארויס-געגאנגען זעהן די פרוי מיט דער ספר-תורה. גיט אזאג די פרוי צו מיר, זעהט איך גיב אייך איבער די ספר-תורה און איהר זאלט זעהן אכטונג געבן אויף איהם. דאס איז געווען איהר קליין אינגל. ס'איז מיר געפעהלן דער איינפאל און גלייך אריינגענומען דעם אינגל אין דער ישיבה.

מיר האבן זייער א סך מיטגעמאכט מיט די פראבלעמען פון דער ישיבה און סך מאל איז טאקע געווען זייער שווערע פראבלעמען. אבער איך בין געווען זייער צופרידן וואס איך טהו אין די וויכטיגע ארבעט פאר תורה. איך פלעג באזוכן זייער אפט אין דער ישיבה און געזוכט תמיד וואס קען מען פארבעסערן און וואס ס'פאדערט זיך צו פארבעסערן און שטענדיג געפונען וואס צו טהון דא.

איך בין אמאל אריינגעקומען אין קיך און זיך צוגעקוקט ווי מען גיט די קינדער עסן. איך האב דערזעהן אז די קינדער עסן נישט צוגוסט, צוליב דעם וואס די לעפל און גאפל זענען זייער פארראסטעהט, פרעג איך דעם אויפזעהר, וואס איז דאס?

ענטפערט ער מיר, מען דארף קויפן נייע לעבן-גאפל. איך האב גענומען עטלעכע פון די לעפל און זיי געבראכט פאר מיין פרוי, און געפרעגט איהר מיינונג אויף דעם. זי האט גענומען גלייך די לעפל און זיי גוט ריין געמאכט, די לעפל זענען צוריק ניי געווארן. איך האב געבראכט די לעפל צום אויפזעהער און אים געפרעגט הייתכן? צו האסטו נישט גענוג קיין ארבייטער דאס צו טאן? ער האט נישט געענטפערט אויף דעם. אבער איך האב שוין געזעהן מיט וועמען איך האב דא צוטאהן.

ס'איז אריבער א צייט, איך טרעף אין שוהל אנ'אלטן מאן, א יאר 70-75, וואס איך האב געוואוסט אז ער ארבעט אין קיך פון דער ישיבה. פרעג איך איהם, וואס טהוט איהר איצט אין שוהל און איהר זענט נישט ביי דער ארבעט? ענטפערט ער מיר, אז דער אויפזעהר האט איהם אנטזאגט פון דער ארבעט. בין איך אריבער צו דעם מאן פון קיך און איהם געפרעגט פארוואס ער האט אנטזאגט דעם עלטערן איד, ענטפערט ער מיר אז דא איז ער בעל-הבית און איך זאל זיך נישט אריינמישן אין זיינע געשעפטן.

מיר האט די זאך זייער פארדראסן, האב איך זיך געווענדעט צוריק צו דעם אלטן איד און איהם געפרעגט פארוואס מען האט איהם אנטזאגט? אנפאנג האט ער נישט געוואלט ענטפערן אויף מיין פראגע, אבער ווען איך האב איהם שטארקער געדריקט ער זאל מיר דערצעהלן די סיבה, האט ער מיר געענטפערט, פשוט, דער מאן וויל נישט אז איך

זאל זעהן ווי ער מיט אנדערע ארבייטערינס גנבענען אין קיך די עסנוואַרג. איך האָב געזעהן אַז ער זאָגט אמת. איך האָב געפרעגט ביי איהם אין וועלכע צייטן קומט דאָס פאָר, האָט ער מיר געזאָגט אַז אין די אָוונד שטונדן ווען זיי גייעהן אַ היים.

איך האָב אנגעהויבן נאָכפאָלגן דעם ענין. איך האָב איבערגעלאָזט מיין געשעפט פאַרנאַכט און בין געגאַנגען נאָכקוקן ווי די ארבייטער גייעהן ארויס פון דער ישיבה. ווי איך בין געקומען, האָב איך דערזעהן ווי דער מענעדזשער מיט נאָך צוויי פרויען גייען ארויס פון קיך און נעמען מיט זיך פעקלאך. איך האָב גלייך פארשטאַנען אַז דער איד האָט טאַקע ריכטיג געזאָגט, אָבער איך האָב געזעהן אַז איך טאָר לעת-עתה גאַרנישט טאָן, ווייל אויב איך וועל זיי גלייך כאַפּן קענען זיי מיט גוט שלאָגן און טענהן אַז איך טשעפּע זיך מיט זיי, און ס׳וועט גאַרנישט ארויס-קומען פון דעם. איך האָב נאָכגעקוקט נאָך עטלעכע מאָל און די מעשה האָט זיך אַלץ איבערגעחזרט, האָב איך אנגעהויבן טראַכטן וועגן וואָס צו טאָהן.

איך האָב געהאַט פאַרשידענע גוטע פאַרבינדונגען מיט די געהיים-פאָליציי, האָב איך זיך געווענדעט צו דעם הויפּט און איהם דערציילט די מעשה. איך האָב אָבער נישט געוואָלט אַז דער ענין זאָל ארויסקומען אין דער עפנטלעכקייט, און דעריבער האָב איך זיך געעצהט מיט דעם הויפּט פון דער געהיים-פאָליציי, וויאַזוי קען

מען דאס מאכן פריוואט נישט אפיציעל. דער הויפטמאן האט מיר אנטזאגט, אויב איך וויל נישט עפנטליך האט ער נישט וואס צו טאהן. איינער פון די פאליציי-לייט וואס האט מיר געקענט, זאגט צו מיר אז ער איז גרייט דאס צוטאהן פריוואט, אבער דאס קען ער מאכן נאר אין די צייט ווען ער ארבעט נישט אין אמט, און דאס קען זיין נאר פרייטאג. ס'איז מיר געווען שווער מסכים צו זיין דאס צוטאהן פרייטאג, אבער איך האב געזעהן אז איך האב נישט קיין אנדער עצה, האב איך מסכים געווען אז פרייטאג 12 אזייגער בייטאג וועל איך פערמאכן מיין געשעפט און צוגעהן זעהן וואס מען קען טאהן. איך האב אבגערעדט מיט דעם פאליציאנט, אז ער זאל שטעהן אין א זייט ביים אריינגאנג פון א הויז נעבן דער ישיבה און איך וועל ווארטן ווען די חברה-לייט קומען ארויס פון קיך אזוי איז געווען ווי די חברה זענען ארויס פון קיך, האב איך דערזעהן ווי זיי שלעפן פעקלאך, בין איך צוגעגאנגען און זיי געפרעגט וואס זיי טראגן ארויס פון דער ישיבה? האט דער מענעזשער זיך געוואלט גלייך נעמען צו מיר, אבער דער פאליציאנט איז גלייך צוגעקומען און איהם אכאפגעטאהן ביים האנט. מיר האבן נישט געוואלט אז מענשן פון דער גאס זאלן זעהן וואס קומט פאר, זענען מיר ארײַער אין אזייט. דער מענעזשער האט געזעהן אז ער איז שוין געכאפט געווארן, האט ער זיך אנגעהויבן בעטן ס'איז פרייטאג, פאר שבת, וואס וועט דא זיין ער וועט געהן זיצן אום שבת.

אויפן ערשטן מאמענט האב איך געוואלט אז ער זאל וויסן אז מען ווייסט וואס ער האט דא געטאהן די גאנצע צייט און אז דער ענין איז טאקע נישט אזוי פשוט, האב איך גלייך אבגערופן דעם הויפט פון די פאליציי און איהם דערצעהלט וואס קומט דא פאר, ער האט געזאגט אז ער איז ברייט איהם גלייך צו ארעסטירן. ווען איך האב געזעהן אז דער מענעזשער איז שוין גוט צובראכן פון זיינע מעשים, האב איך דעם פאליציאנט געגעבן 50 דאלאר פאר זיין ארבעט, און ערליידיגט מיט דעם מענעזשער אז ער מיט די צוויי ארבעטערינס טאהרן מעהר נישט זיך געפונען אין דער ישיבה. ער האט באשטאנען און איז גלייך אוועק פון דער ארבעט.

זונטאג צופרי, ווען אלע מיטגלידער האבן שוין געוואוסט וואס ס'האט זיך דא אבגעטאהן, האבן אלע מיר מיטגע-האלפן און די ערשטע טעג ביז וואנען מיר האבן זיך ארגאנזשירט און געקראגן ארבייטערס, האבן מיר אליין געטאן די ארבעט און די תלמידים האבן נישט געפילט קיין איין טאג אז ס'האט זיך געענדערט די ארבייטער אין קיך.

ווען איך האב געזעהן וואס ס'געהט דא פאר, האב איך גענומען קאנטראלירן די אלע איבעריגע ענינים פון דער ישיבה, און איך האב טאקע אויסגעפונען אז ס'ווערט געגאנבעט פון אלע זייטן, די פליישן קומען פיהל ווייניקער ווי מען האט באשטעלט

די פיש שיקט מען אויך ווייניגער, און די ישיבה האט טאקע פארדינט זייער א סך דורכדעם קאנטראל וואס מען האט געבאפט. די תלמידים האבן געהאט מעהר צועסן און די ישיבה האט געקאסט פיהל ווייניגער. אזוי ארום בין איך געווארן ארייגעטאהן אין די ארבעט פון דער ישיבה און ס'האט מיר געקאסט זייער א סך צייט.

אין א געוויסע צייט, ווען דער גוי וואס האט געארבעט האט אין ישיבה א לענגערע צייט אויך ארויסגערופן ביי מיר א חשד. איך האב אנגעהויבן איהם נאכצוקוקן זיין ארבעט, און איך האב באמערקט אז די פליישן וואס קומען אריין אין ישיבה זענען נישט ווי ס'דארף צוזיין, די אלע גוטע פליישן פעהלן און ס'בלייבט נאר ביינער און ארום זיי. איך האב אנגעהויבן נאכצוקוקן און דערזעהן ווי דער גוי שנייט ארום די בעסטע פון די פלייש. דער האט אנגעהויבן צו-לייקענען, האב איך איהם געווארנט פארוואס ער טהוט דאס. אנדערע פון ישיבה האבן מיר געזאגט אז איך זאל מיט דעם גוי נישט פארטשעפן, ווייל א גוי קען קען דאך טאהן ווי א גוי. אבער איך האב באשלאסן אז מען מוז איהם פטור ווערן פון דער ארבעט. ווי דער גוי האט געזעהן אז איך קעמפף קעגן איהם, האט ער אמאל איבער- געריסן די עלעקטרישע דראדן פון עלעוועטער און איך בין שיעור נישט ארונטערגעפאלן. אבער מיט די מעשה איז געלונגען אז ער איז אנטלאפן געווארן און מעהר נישט צוריק געקומען.

איך געפין אלץ חוב צו דערמאנען אונזער זייער איבער-געגעבענעם מיט ארבייטער זייער חשובן פריינד ר׳ צבי פראנק ז"ל, וואס האט געלעבט די לעצטע יארן אין ישראל, וועלכער האט א סך יאהרן אנגעפיהרט מיט די ווירטשאפט פון די ישיבה און ספעציעל געדאגה"ט אז די הונדערטערטע תלמידים זאלן האבן גוט צו עסן. און דאס האט ער געטאן מיט א ספעציעלע אויסערגעווינליכע איבערגעגעבנקייט. ער איז אין די לעצטע צייט נפטר געווארן יהי זכרו ברוך!

פארמידן ביטול-תורה

איך א געוויסן פרייטאג איז אויסגעבראכן א פייער אין ישיבה. דער הויפט פון די פייער-לעשער האט מיר באלד ארויס-גערופן, אלס אחראי אויף דער ישיבה. ווי איך בין געקומען האב איך באלד דערזעהן דעם גרויסן שאדן און אז די 12 קלאסן וועלן נים קענען דארט ממשיך זיין לערנען. דער הויפט פרעגט ביי מיר, צו איך ווייס ווער ס׳האט געמאכט דעם פייער? האב איך איהם געענטפערט אויך מיט א פראגע, אפשר ווייסט דו?

ווי מיר האבן געזעהן די שווערע לאגע פון דעם בנין, האבן מיר גלייך באשלאסן אריבערצופירן די קלאסן אין שוהל פון דער מתיבתא בילדונג. און גלייך מוצאי-שבת קודש זענען שוין געווען די ארבייטער און צוגעגרייט אז מארגן צופרי האבן שוין די אלע 12 קלאסן דארט געלערנט.

אזוי האָט זיך געצויגן לאנגע צייטן, איך בין געווען דייער צופרידן וואס השי"ת האט מיר באַשערט און איך האב אויפ־געטאהן פאר דער ישיבה תורה ודעת. אבער, סוף־סוף בין איך אביסל מיד געווארן און געמיינט, אזוי ווי די ישיבה שטעהט דאך שוין זייער פיין און גוט, ס'איז שוין געווען 700 תלמידים מיט א זייער שיינעם בילדונג, האב איך געטראכט ביי מיר, איך קען שוין אבלאזן די ארבעט אין דער ישיבה.

אבער, דער רבש"ע טראכט אנדערש. איך א געווויסן פרייטאג, ווען איך בין געפארן אויף דער סאבוויי און געטראכט וועגן וויאזוי אבלאזן די ארבעט אין דער ישיבה, ווען די באן האט זיך אבגעשטעלט און איך בין ארונטערגעגאנגען, בין איך אריין מיט א פוס צווישן די באן און צווישן די אייזענס פון דער סטאנציע, קיינער איז נישט געווען וואס זאל מיר העלפן, און נאר מיט סיעתא דשמיא האב איך ארויסגענומען דעם פוס, וואס פריער האב איך געמיינט זיכער אז די באן האט מיטגעשלעפט דעם פוס. איך בין געקומען צו מיין ארבייט, דאן אנגעהויבן פיהלן דעם 'גרויסן נס וואס איז געשעהן. ס'איז דורך א שטיקל צייט און איך בין ב"ה געזונט געווארן. איך האב גלייך געזעהן אין דעם רמז מן השמים וואס איך האב געטראכט אבלאזן די ארבעט האב אין דער ישיבה, און איך טאקע זיך צוריקגענומען צו דער ארבעט און ווייטער אנגעגאנגען מיט די ענינים. אלס אנדענק גיי איך נאך ביז היינט מיט א שטעקן.

אין די לעצטע יארן ווען די ישיבה "תורה ודעת" האט זיך שוין אזוי שיין אנטוויקלט און אויסגעבויט דעם נייעם בילדונג האט מען באשלאסן אויפצושטעהלן נאך א בילדונג אין א אנדער געגנט פאר א ישיבה קטנה, און ב"ה דאס איז אויך געווען מיט גרויס ערפאלג. אויך דא בין איך ערוויילט געווארן אלס פארזיצער פון דער ישיבה. ווען מען האט געפייערט דעם חנוכת-הבית פון דעם בילדונג האב איך שוין געוואוינט אין ישראל, אין ירושלים עיר הקודש. די פארשטייער פון דער ישיבה האבן מיר געבעטן אז איך זאל דערדיטער זיין דער פארזיצער, חאטש איך וואוין שוין אין ישראל, האב איך זיי געענטפערט אז איך בין טאקע מסכים פארבלייבען, אבער נאר אלס פארשטייער ביים "כותל-מערבי", איך וועל דא מתפלל זיין פאר דער הצלחה פון דער ישיבה און זיי זאלן ווייטער אנגעהן מיט דער וויכטיגער ארבעט דארטן.

איך האב געפונען פארנויטיג צובאצייכענען אז בעזרת-השם-יתברך האב איך מצליח געווען אויפצוטאהן פאר תורה און צדקה אין אמעריקא. דאס איז געווען פארבונדן מיט צייט, מיט לעבן און געוויינליך אויך מיט זייער פיהל אויסגאבן. און אויף דע[illegible] זאג איך אלעמאל - הודו לד׳ כי טוב - כי לעולם חסדו.

<u>אויפגעהאדעוועט א אידישע טאכטער</u>

אין א געוויסע צייט ווען דער בית-יעקב אין אמעריקא האט זיך אנגעהויבן צו אנטוויקלען, און די מיידלאך האבן זיך

ארומגעדרעהט זוכן וואו צו זיין, און אזוי ווי מרת ווייסמאן,
וואס זי האט זייער א סך געטאהן פאר זיי, און זי האט געוואוסט
אז ביי אונז אין הויז איז א פלאץ וואס מען נעמט אויף אורחים,
האט זי זיך געווענדעט צו מיין פרוי תחי׳, אז זי זאל אויך
אריינגעמען א מיידל אויף שבתים און יו"ט. מיין פרוי האט מיר
גלייך אנגעפרעגט וועגן דעם און אוודאי האבן מיר גלייך מסכים
געווען, און באשטעלט צושיקן א מיידל אויף שבתים.

שבת-נאכט, ווי איך בין א היים בעקומען פון דאווענען,
האב איך געזעהן אז א מיידל שטעהט און דאוונט זייער פיין,
האבן מיר גלייך פערשטאנען אז זי מוז זיין פון א פיינע שטוב.
מיר האבן גלייך אנגעהויבן צושמועסן מיט איר און זיך אינטרע-
סירט פון איהם אבשטאם. האט זיך ארויסגעוויזן אז זי שטאמט
פון פוילן, פון זייער פיינע עלטערן. אירע עלטערן זענען אום-
געקומען דורך די נאציס ימ"ש. זי אליין איז אויך געווען
אין די לאגערן צוזאמען מיט די אנדערע קינדער און דורך גרויסע
ניסים האט השי"ת איהר געהאלפן און ס׳איז איר געלונגען אריבער
צוקומען קיין קאנאדא. פון דארט האט מען איהר אריבערגעשיקט
צום בית-יעקב אין אמעריקא.

מיר האבן גלייך געזעהן אז פאר אונז שטעהט א גרויסע
מצוה, האבן מיר, און ספעציעל מיין פרוי תחי׳, איהר פארבעטן
צו זיין ביי אונז אין הויז, נישט נאר שבתים און יו"ט, נאר
אויך א גאנצע וואך. מיין פרוי האט געדאגהט פאר איר

קליידונג א.א.וו. דאס מיידל האט זיך געהאדעוועט ביי אונז אין הויז ווי א אייגן קינד, ביזוואנען זי האט חתונה געהאט מיט זייער א פיינעם יונגערמאן און זיי זענען געבליבן צוגעבונדן מיט אונזער משפחה ביזן היינטיגן טאג.

## געראטעוועט אידן פון אומקום

אין יאהר 1940, אין גרעסטן ברען פון די צווייטע וועלט מלחמה, ווען דער גרויסער גאון הרב ר׳ אלחנן וואסערמאן הי"ד האט באזוכט אין אמעריקא צוזאמען מיט זיין זוהן הרב שמחה וואסערמאן שליט"א, האב איך זיך געטראפן מיט זיי און פארגע-שלאגן אז הרב וואסערמאן זאל בלייבן אין אמעריקא און איך וועל באזארגן די פאפירן וועגן דעם. אבער, הרב וואסערמאן זצ"ל האט מיר זייער שטרענג געענטפערט אז ער קען נישט איבערלאזן זיין ישיבה אליין אין אירופא און ער מוז צוריק פארן צו זיינע תלמידים. הרב וואסערמאן האט צוגעגעבן, אז אויב איך בין מסכים, זאל איך מאכן די פאפירן פאר זיין זוהן אז ער זאל קענען בלייבן אין אמעריקא.

ס׳האט מיר זייער וויי געטאהן וואס הרב וואסערמאן זצ"ל האט נישט געוואלט אננעמען מיין פארשלאג אויף צו בלייבן, און איז צוריקגעפארן און איז נעבאך טאקע אומגעקומען אין ווילנע דורך די נאצים ימ"ש. אבער, דאגעגען האב איך ארראנזשירט אז זיין זוהן הרב שמחה וואסערמאן שליט"א זאל פארבלייבן אין

אמעריקא, וואו ער האט אויפגעשטעלט א ישיבה און מיר האבן אויך צוגעהאלפן קריגן תלמידים א.א.וו. און ער פיהרט אן ב"ה מיט די ישיבה ביזן היינטיגן טאג.

ווען ס'האבן אנגעהויבן צוקומען די שרעקליכע ידיעות וועגן אידן אין אירופא האט דער אידנטום אין אמעריקא אנגעהויבן מיט א אקציע און זוכן וועגן ווי צוראטעווען אידן פון די נאציס, און זיי ברענגען קיין אמעריקא. וועגן דעם האט מען געמוזט האבן אז סוחרים, פאבריקאנטן, גוטע פארדינערס זאלן אונטערשרייבן אז זיי גיבן א געראנטיע אויסצוהאלטן די וועלכע וועלן אנקומען.

דאן איז געקומען הרב קלמנוביץ און מיר דערצעהלט אז ס'איז שווער צוטרעפן אידן וועלכע זענען מסכים צוגעבן אזעלכע געראנטיעס. האב איך איהם געזאגט אז אויב מען וועט אננעמען מיין אונטערשריפט, בין איך גרייט אונטערצושרייבן וויפל ער דארף. די קאמיטע האט מיר צוגעשיקט פיהל פאפירן און איך האב אונטער-געשריבן נישט קוקנדיג אפילו פאר וויפל און איך ווייס נישט ביז היינט פאר וויפל אידן איך האב אונטערגעשריבן און אדאנק השי"ת זענען טאקע דורכדעם זייער פיהל אידן געראטעוועט געווארן.

איך בעדענק ס'איז דורך א שטיקל צייט און איך האב אנגע-הויבן צובאקומען איינלאדונגען צו חתונות און אנדערע שמחות, און ווען איך האב געפרעגט ווער זענען די מחותנים, האט מען מיר געענטפערט: וואס הייסט מר פעלדמאן, איהר ווייסט נישט ווער מיר זענען? איהר זענט דאך דער גרעסטער מחותן צו די שמחה, איהר האט אונז געראטעוועט און געברענגט אהער!

## און נאך א קליינעם סיפור

אין יעגער צייט איז אנגעקומען קיין אמעריקא א יונג מיידל פון אייראפא. זי איז פארבליבן נאך די צייט וואס זי האט געהאט ערלויבעניש צוזיין אין אמעריקא, און לויטן געזעץ וואלט מען איהר געקענט ארעסטירן און גלייך צוריקשיקן קיין אייראפא, וואו ס'האבן געהערשט אזעלכע שרעקליכע נאצישע הערשער. ווען איך האב וועגן דעם געהערט, האב איך באלד גענומען זוכן וועגן ווי איהר אויסצובאהאלטן און ס'איז מיר געלונגען צוקריגן א פלאץ וואו זי זאל ארבעטן און אז מען זאל נישט וויסן פון איהר. אין א צייט ארום האט זי ב"ה חתונה געהאט מיט זייער א פיינעם יונגערמאן און דורכדעם האט זי שוין געמעגט פארבלייבן אפיציעל אין אמעריקא. זי איז פארבליבן ביי אונז אין הויז ביזן היינטיגן טאג ווי א הייגן קינד.

## איך האב געוואלט העלפן אויפשטעלן א מקוה

אין אונזער געגנט איז געווען א מקוה צוזאמען מיט די שוהל. מאכט זיך און דער בילדונג איז פארקויפט געווארן און די געגנט איז געבליבן אן א מקוה.

מ.אך האט אנגעהויבן זוכן וועגן וואס צוטאהן, אז מען זאל אויפשטעלן א נייע מקוה. צוויי גבאי-צדקה האבן זיך אונטערגענומען און אנגעהויבן שאפן געלט פאר דעם צוועק. זיי האבן מצליח געווען צושאפן 65 טויזנט דאלאר, געקויפט א בילדונג און אנגעהויבן פאררי׳כטן און צוגרייטן פאר א מקוה, אבער די סומע איז נישט גענוג

געווען, מען האט געדארפט נאך אזא סומע געלט. ווען זיי האבן בעזעהן אז זיי קענען נישט מער אויפטאהן, האבן זיי זיך געווענדעט צו מיר אז איך זאל טאהן וועגן דעם חשובן צוועק.

איך האב אנגעהויבן פראבירן און זוכן וועגן ווי צו-נויפשטעלן די געלט וואס פעלט, אבער וואו איך בין געקומען בעטן געלט, האט מען מיר געזאגט, אז זיי האבן שוין געגעבן פאר דעם צוועק. איז מיר בייגעפאלן א געדאנק, איך האב זיך געווענדעט צו יעדער שוהל, און פארגעשלאגן אז אומעטום זאל מען מאכן א קאמיטעט וואס זאל שאפן געלט, און די געלט זאל בלייבן ביי זיי און אז ס'וועט זיין די גאנצע סומע וואס פאדערט זיך, דאן וועלן זיי געבן דאס געלט. דער פלאן איז געפעלן געווארן און ס'האט זיך אויפגעשטעלט אזעלכע קאמיטעטס אין יעדער שוהל.

צווישן אנדערע האב איך זיך אויך געווענדעט צום סאטמערער רבין שליט"א. דער רבי האט מיר זייער פיין אויפ-גענומען און זיך אינטערעסירט וועגן דעם ווייכטיקן צוועק. ער האט פארגעלייגט פארשידענע גוטע פלענער וויאזוי די מקוה דארף געשטעלט ווערן און צוגעזאגט צוהעלפן.

מ'ן האט געמאכט א פארזאמלונג פון אלע קאמיטעטס אין דעם געגנט און זעהן ווי מען האלט מיט דער ארבעט. ביי דער

פערזאמלונג איז מען דערגאנגען אז די צעהלעמער און
קלויזנבערגער חסידים האבן שוין אויפגעשטעלט אייגענע מקוואות.
אז די סאטמערער האבן דאס דערהערט האבן זיי באשלאסן אויך
אויפצושטעלן א אייגענע מקוה. און צוליב דעם איז דער גאנצער
פלאן בטל געווארן.

<u>תפילין לייגן</u>

אין טאג ווען ס'האט אויסגעבראכן די זעקס־טאגיגע מלחמה
אין ישראל, האבן די אידן אין אמעריקא אויסגערופן א תענית.

איך האב זיך געווענדעט צו אידן אז מען זאל געבן געלט
פאר ישראל אין אזא לאגע, און איך האב בעגעבן טויזנט דאלאר.
אינדערפרי, גלייך נאכן דאווענען, גייענדיג צום אפיס געבן
דאס געלט, טרעפט מיר א בחור'ל און שלעפט מיר, קומט לייגן
תפילין, די אידן זענען אין א צרה מען דארף מתפלל זיין און
לייגן תפילין. וויפל איך האב דעם בחורל געזאגט אז איך לייג
ב"ה תפילין יעדן טאג, אבער דער בחור לאזט נישט נאך. איך
האב אויפגעהויבן מיין ארבל און איהם באוויזן, זעה איך האב
היינט געלעגט תפילין, ווי דער בחור האט געזעהן די סימנים
פון די רצועות אויפן האנט, ערשט דאן האט ער מיר אבגעלאזט.

שמירת שבת איז מציל

אין א געוויסן שבת, ווען איך בין א היים פון שוהל, האבן מיר אנגעכאפט פיהר שווארצע גויים און געבעטן מיין געלט. זיי האבן געדראהט איבער מיין קאפ מיט אייזנס. האב איך זיי געזאגט, איך בין א איד און איך היט שבת, און שבת טראג איך נישט קיין געלט. ווי דער הויפט פון די גויים האט דאס דערהערט האט ער גלייך בעהייסן די אנדערע מיר אבלאזן. דא האב איך נאכאמאל געזעהן אז מען היט שבת ווערט מען ניצל פון שלעכטס.

## צום שלום

אין מיין נאמען און אין נאמען פון מיין חשובע פרוי חנה זלדא תחי׳ ווילן מיר אויסדרוקן אונזערע דאנקען צו השי"ת וואס האט תמיד געפירט און פירט ווייטער מיט אונז מיט גרויס חסדים און געהאלפן אז מיר זאלן קענען דורכפירן וואס מיר האבן געשטרעבט און שטרעבן ווייטער אז אונזערע קינדער און אייניקלאך געהן ב"ה אין אמתן תורה-וועג.

מיר בעטן און האפן צו השי"ת אז ער זאל אונז געבן שפענדיג געזונט מיט אריכות ימים ושנים טובים צוזאמען מיט אונזערע קינדער און קינדס-קינדער און מיר זאלן פאקע כסדר זעהן דורות ישרים יבורך לויפן אידישן תורה-וועג און מיר זאלן שוין אלע זוכה זיין צו דער גאולה שלימה פארן גאנצן כלל ישראל.

U. S. DEPARTMENT OF LABOR
NATURALIZATION SERVICE

78930

No. 78930

ORIGINAL

# UNITED STATES OF AMERICA

## PETITION FOR NATURALIZATION

GSH

OCT 4 1927 9-0 0 AM

To the Honorable the District Court of the United States for the Eastern District of New York:

The petition of BENJAMIN FELDMAN, hereby filed, respectfully showeth:

First. My place of residence is 282 So 3rd St. Brooklyn, N.Y. (Give number, street, city or town, and State.)

Second. My occupation is Rag Dealer

Third. I was born on the 5 day of Oct. anno Domini 1897, at Warsaw, Russia

Fourth. I emigrated to the United States from Rotterdam, on or about the 26 day of July anno Domini 1912 and arrived in the United States, at the port of New York, on the 5 day of Aug. anno Domini 1912, on the vessel Rotterdam (If the alien arrived otherwise than by vessel, the character of conveyance or name of transportation company should be given.)

Fifth. I declared my intention to become a citizen of the United States on the 14 day of Mar., anno Domini 1924 at Brooklyn, N.Y., in the Supreme Court of Kings Co.

Sixth. I am married. My wife's name is Anna; she was born on the day of, anno Domini 1898 at Russia, and now resides at with me (Give number, street, city or town, and State.)

I have 2 children, and the name, date and place of birth, and place of residence of each of said children is as follows:

Mendel, Born Jan. 20, 1919, N.Y.)
Isaac " July 19, 1923 " ) Reside w h me

Seventh. I am not a disbeliever in or opposed to organized government or a member of or affiliated with any organization or body of persons teaching disbelief in or opposed to organized government. I am not a polygamist nor a believer in the practice of polygamy. I am attached to the principles of the Constitution of the United States, and it is my intention to become a citizen of the United States and to renounce absolutely and forever all allegiance and fidelity to any foreign prince, potentate, state, or sovereignty, and particularly to The Republic of Poland and (or the State of Russia, of whom at this time I am a subject, and it is my intention to reside permanently in the United States.

Eighth. I am able to speak the English language.

Ninth. I have resided continuously in the United States of America for the term of five years at least immediately preceding the date of this petition, to wit, since the 5 day of Aug, anno Domini 1912, and in the State of New York, continuously next preceding the date of this petition, since the 5 day of Aug., anno Domini 1912, being a residence within this State of at least one year next preceding the date of this petition.

Tenth. I have not heretofore made petition for citizenship to any court. ~~(I made petition for citizenship to the Court of at, on the day of, anno Domini 1, and the said petition was denied by the said Court for the following reasons and causes, to wit:~~ x x x x x x, and the cause of such denial has since been cured or removed.)

Attached hereto and made a part of this petition are my declaration of intention to become a citizen of the United States and the certificate from the Department of Labor, together with my affidavit and the affidavits of the two verifying witnesses thereto, required by law. Wherefore your petitioner prays that he may be admitted a citizen of the United States of America.

Benjamin Feldman
(Complete and true signature of petitioner.)

Declaration of Intention No. 170057 and Certificate of Arrival from Department of Labor filed this 30 day of June, 1927

NOTE TO CLERK OF COURT.—If petitioner arrived in the United States ON OR BEFORE JUNE 29, 1906, strike out the words reading "and Certificate of Arrival from Department of Labor."

## AFFIDAVITS OF PETITIONER AND WITNESSES

UNITED STATES OF AMERICA,
Eastern District of New York. } ss:

The aforesaid petitioner, being duly sworn, deposes and says that he is the petitioner in the above-entitled proceedings; that he has read the foregoing petition and knows the contents thereof; that the said petition is signed with his full, true name; that the same is true of his own knowledge except as to matters therein stated to be alleged upon information and belief, and that as to those matters he believes it to be true.

Benjamin Feldman
(Complete and true signature of petitioner.)

Isidor Fishman, occupation Rag Dealer, residing at 2265 Grand Ave. Bronx
and Abraham Bernsteib, occupation Rag Dealer, residing at 533 E. 11th St. NYC
each being severally, duly, and respectively sworn, deposes and says that he is a citizen of the United States of America; that he has personally known Benjamin Feldman, the petitioner above mentioned, to have resided in the United States continuously immediately preceding the date of filing his petition, since the 1 day of May, anno Domini 1922, and in the State in which the above-entitled petition is made continuously since the 1 day of May, anno Domini 1922; and that he has personal knowledge that the said petitioner is a person of good moral character, attached to the principles of the Constitution of the United States, and that the petitioner is in every way qualified, in his opinion, to be admitted a citizen of the United States.

Isidor Fishman
(Signature of witness.)

Abraham Bernstein
(Signature of witness.)

[SEAL.]

Subscribed and sworn to before me by the above-named petitioner and witnesses in the office of the Clerk of said Court at Brooklyn, N. Y., this 30 day of June, anno Domini 1927

~~Clerk.~~

By [signature], Deputy Clerk.

[OVER.]